**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/9/2024

**גאווערנער האקול אנאנסירט איניציאטיוון צו העלפן מיטגלידער פון יעדע קאמיוניטי וואקסן און בליהען אין ניו יארק**

***'סטעיט אָוו די סטעיט' פארשלאג וועט שטיצן ניו יארקער מיט דיסאביליטיס דורך איינגלידערונג, באשעפטיגונג און זעלבסטשטענדיגע וואוינונג אפציעס***

***נייע פארפליכטונג צו ארטיגע שבטים, אריינרעכענענדיג פינאנצירונג פון צאן-דאקטאר באהאנדלונג***

***פארזעצן ניו יארק'ס פירערשאפט איבער קינדער-געבורט רעכטן דורך אינפארמאציע פריוואטקייט שוץ מאסנאמען פאר אבארשען פראָווײדערס***

***פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט קעיר פאר וועטעראנען***

***בויט ארויף אויף ניו יארק'ס לאנגע טראדיציע אלס א זיכערע האפן פאר +LGBTQ און TGNCNB ניו יארקער מיט נייע אינוועסטירונגען אין ארבעטסקראפט און אין העלט קעיר***

***פארמערן טשיעף דייווערסיטי אפיסערס אריבער סטעיט אגענטורן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א סעריע שריט צו העלפן ניו יארקער פון יעדע קאמיוניטי צו וואקסן און בליהען אלס טייל פון איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. די שריט רעכענען אריין אויסברייטערן שטיצע פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס דורך פארמערטע איינגלידערונג, באשעפטיגונג און זעלבסטשטענדיגע וואוינונג געלעגנהייטן; מאכן א נייע פארפליכטונג צו שטיצן ארטיגע רויטע אינדיאנע שבטים; אונטערנעמען שריט אונטערנעמען שריט צו פארשטערקערן אינפארמאציע פריוואטקייט פאר אבארשען פראָווײדערס און פארשטערקערן סערוויסעס פאר +LGBTQ און TGNCNB ניו יארקער; און אויסברייטערן שטיצע פאר- און אנערקענונג פון ניו יארק סטעיט'ס וועטעראנען. די ברייטע סעריע פון שריט און פארשלאגן בויען ארויף אויף גאווערנער האקול'ס רעפוטאציע פון ארבעטן צו מאכן אן אינקלוסיווע אטמאספערע אריבער די סטעיט, און עס וועט אריינרעכענען שריט צו פארמערן טשיעף דייווערסיטי אפיסערס און טרענירונגען ביי סטעיט אגענטורן צו שטיצן פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט און ארייננעמונג פון יעדן.

"כמעט יעדע גרויסארטיגע באוועגונג פאר געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט האט זיך אנגעהויבן אין ניו יארק — פון סענעקע פאָלס ביז סטאָונוואל. עס איז געוואנדן אין אונז צו פארזעצן די רעפוטאציע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די שריט וועלן זיין וועזנטליך צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער זענען באשיצט, געשטיצט און אנגענומען."

אין לויף פון די לעצטע צוויי יאר, האט גאווערנער האקול געקעמפט פאר פאליסי און געמאכט אינוועסטירונגען צו שטיצן פאמיליעס און צו אונטערהייבן די מערסט-באזייטיגטע ניו יארקער. זי האט געקעמפט צו באשיצן צוטריט צו אבארשען קעיר, אונטערגעשריבן א געזעץ צו מאכן ניו יארק סטעיט פאר א זיכערע האפן פאר +LGBTQ יונגווארג און זי האט אנגעהויבן דעם פראצעדור פון אריינשרייבן א גלייכע רעכטן אמענדמענט צו די ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע.

דאס יאר וועט גאווערנער האקול ארויפבויען אויף די באמיאונגען און פארזעצן צו אונטערנעמען שריט צו זיכער מאכן אז ניו יארקער פון אלע סארטן הונטערגרונטן באקומען א טשאנס צו פארפילן דעם 'אמעריקאנעם טרוים':

<u>**פארפליכטונג צו אלע ניו יארקער מיט דיסאביליטיס**</u>

ניו יארקער מיט דיסאביליטיס זעצן פאר צו אויסשטיין שוועריגקייטן ווען עס קומט צו לעבן איינגעגלידערטע לעבנס, זיך פארשאפן א באדייטפולע באשעפטיגונג און צוטריט צו פלעצער וואו זיי קענען וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט. גאווערנער האקול האט פארגעשלאגן א סעריע פאליסיס צו אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס, אריינרעכענענדיג:

- **ארויסגעבן אן 'אָלמסטעד פלאן' פאר אלע מענטשן מיט דיסאביליטיס.** אין 2024 וועט ניו יארק'ס 'מערסט-איינגעגלידערטע וואוינונג פלעצער קאארדינירנדע קאונסיל" ( Most Integrated Setting Coordinating Council) ארויסגעבן אן 'אָלמסטעד פלאן' צו זיכער מאכן אז אלע מענטשן מיט דיסאביליטיס באקומען סערוויסעס אין די פלאץ וואס איז די מערסטע איינגעגלידערט אין די ברייטערע קאמיוניטי און צוגעפאסט צו זייערע באדערפענישן. אונטער די אנווייזונג פון די אפיס פון די טשיעף דיסאביליטי אפיסער און דעם נייעם 'אָלמסטעד' דירעקטאר, און נאכפאלגנדיג א פראצעדור צו אויסהערן די קאמיוניטי, וועט די פלאן אריינרעכענען מענטשן מיט פיזישע, חושים'דיגע, אנטוויקלונג און/אדער אינטעלעקטועלע, גייסטישע אדער אויפפירונג דיסאביליטיס.
- **שטיצן צוטריט צו באשעפטיגונג.** באשעפטיגונג פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס איז הונטערשטעליג נאך די אלגעמיינע באפעלקערונג. ניו יארק בלייבט אונטער די דורכשניט אין די פאראייניגטע שטאטן מיט בלויז 36.9 פראצענט (2021) פון מענטשן מיט דיסאביליטיס זיך באטייליגנדיג אין די ארבעטסקראפט, אין פארגלייך צו 73.8 פראצענט פון מענטשן אן דיסאביליטיס. די ארימקייט ראטע צווישן ניו יארקער אין ארבעטס עלטער מיט א דיסאביליטי איז מער פון טאפלט פון די ראטע צווישן מענטשן אן דיסאביליטיס. כדי צו אדרעסירן די פראבלעם, וועט גאווערנער האקול ארויסגיבן אן עקזעקיוטיוו ארדער פארפליכטנדיג ניו יארק צו זיין א סטעיט וואס לייגט באשעפטיגונג קודם אין באציאונג צו מענטשן מיט דיסאביליטיס. די עקזעקיוטיוו ארדער וועט העלפן אדרעסירן די פראבלעם בשעת'ן ארויפבויען אויף די גאווערנער'ס אונטערשרייבונג אין 2023 פון עקזעקיוטיוו ארדער 31 וואס האט פארשפראכן צו מאכן ניו יארק סטעיט פאר א מוסטערהאפטיגע ארבעטסגעבערין פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס.
- **שטיצן צוטריט צו מער זעלבסטשטענדיגע וואוינונג פלעצער.** דאס יאר וועט גאווערנער האקול אויך ארבעטן אויף א געזעץ וואס וועט אויסברייטערן די אויפגאבן וואס דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן קענען דורכפירן, ערלויבנדיג דערמיט מער מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו לייבן אין- אדער צו אריבערגיין צו- מער זעלבסשטענדיגע וואוינונג פלעצער און צו פארקלענערן די צאל מענטשן וואס זענען אנגעוויזן אויף סערטיפייד אנשטאלטן. דאס וועט פירן דערצו אז מענטשן זאלן זיין מער א חלק פון די קאמיוניטי און צו בעסערע פערזענליכע תוצאות. אזוי ווי עס איז היינט, מעגן דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן אין נישט-סערטיפייד קעיר פלעצער – צום ביישפיל אין די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס'ס ( Office for People with

סעלף דיירעקשען פראגראם – נאר טוהן געוויסע (Developmental Disabilities נוירסינג אויפגאבן אונטער די אויפזיכט פון א רעגיסטרירטער נויירס, און דאס לייגט ארויף אן איבעריגע לאסט אויף מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס וועלכע וואלטן געוואלט וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט און פארלאנגען מינימאלע נוירסינג הילף אויף א רעגלמעסיגן פארנעם.

**<u>זיך פארפליכטן צו ארטיגע שבטים</u>**

ניו יארק'ס רויטע אינדיאנער קאמיוניטי זעצט פאר צו אויסשטיין פראבלעמען מיט געזונטהייט, פארטרעטונג און בילדונג. כדי צו אדרעסירן די פראבלעמען, וועט גאווערנער האקול:

- **פארשטערקערן סטאביליטעט פון רויטע אינדיאנע פאמיליעס.** דער 1978 אינדיאנע קינד וואוילזיין געזעץ (Indian Child Welfare Act, ICWA) איז א פעדעראלער געזעץ וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו היטן אויף די בעסטע אינטערעסן פון רויטע אינדיאנע קינדער וואס זענען פארמישט אין געריכטליכע פראצעדורן צווישן די עלטערן (פאר קאָסטעדי). דער געזעץ איז ארויסגעקומען אין אנטווארט צו די גאר הויכע ראטעס אין וועלכע 'באורדינג סקולס' וואו קינדער וואוינען און סטעיט קערפערשאפטן פלעגן אוועקנעמען רויטע אינדיאנע קינדער פון זייערע היימער, קאמיוניטיס און שבטים. דאס יאר, וועלן ניו יארק'ס דעפיוטי סעקרעטאר פאר ארטיגע שבטים און די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) – זיך דורכרעדנדיג מיט שבטים פירערשאפט און פארמישטע קערפערשאפטן – שטופן פאר סטראטעגיעס צו פארשטערקערן די מטרות פון דעם אינדיאנע קינד וואוילזיין געזעץ, אונטערשטרייכנדיג ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט זיך צו באנעמען מיט אומרעכטן וואס זענען אפגעטוהן געווארן צו רויטע אינדיאנע קאמיוניטיס.
- **פינאנצירן צאן-דאקטאר באהאנדלונג פאר ארטיגע שבטים.** דאס יאר וועט גאווערנער האקול שטיצן פינאנצירונג פאר צאן דאקטאר העלט קעיר פאר ארטיגע שבטים, מיט די ציהל צו אדרעסירן לעכער אין צוטריט. רויטע אינדיאנע קאמיוניטיס ווערן באטראפן מער פון אנדערע דורך מויל קראנקהייטן און צאן קאמפליקאציעס, מיט רויטע אינדיאנע ערוואקסענע זיך ווענדנדיג פאר עמערדזשענסי קעיר אויף א ראטע פון דריי און האלב מאל אזוי סאך ווי די נאציאנאלע דורכשניט. די פינאנצירונג וועט העלפן זיכער מאכן אז צאן דאקטאר אפיסעס און פּראָוויידערס ביי ארטיגע שבטים קענען אפפערן באהאנדלונג אן דארפן אוועקשיקן פאציענטן צו אנדערע לאקאציעס און ארויס פון די שבטים טעריטאריעס.
- **זיך אפגעבן מיט באליידיגנדע קונסטווערק.** כדי צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער פילן זיך באקוועם אין די סטעיט קאפיטאל געביידע, וועט גאווערנער האקול אפיציעל אנהויבן אן ארומנעמיגע איבערבליק פון די מאלערייען וואס ווייזן רויטע אינדיאנע מענטשן אין די קאפיטאל געביידע, מיט אנטיילנעמנדע פארשטייער פון יעדע פון די ניין רויטע אינדיאנע שבטים. אלע ניו יארקער דארפן זיך פילן באקוועם און רעספעקטירט ביים באזוכן די קאפיטאל געביידע, אבער צום באדויער זענען דא באליידיגנדע בילדער און נישט שיינע קונסטווערק פון באפעלקערונגען צווישן די באצירונגען אויף די ווענט פון די קאפיטאל געביידע, און דאס מאכט באזיכער זיך פילן פרעמד. די זאכן וואס ווערן גענומען אין באטראכט ביים אפשאצן אויב קונסטווערק פון רויטע אינדיאנע שבטים איז באליידיגנד זענען באזירט אויף סטאנדארטן פון מער פון אכציג יאר צוריק, און רויטע אינדיאנע שבטים ווערן באזונדערס אפטמאל באצייכנט אין די קונסטווערק אויף אן אופן וואס שפיגלט אפ שעדליכע ראסישע סטערעאטיפן, און עס באשיינט געוואלדטאטן קעגן רויטע אינדיאנע שבטים. אזעלכע קונסטווערק שפיגלען נישט אפ די ווירדן פון ניו יארק סטעיט.

אום דאנערשטאג, יאנואר 4, האט גאווערנער האקול פארגעשטעלט א פארשלאג פון איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צו מאכן אן ארומנעמיגע פלאן פון זעקס נקודות צו באקעמפן מוטערליכע און נייגעבוירענע בעיביס שטערבליכקייט אין ניו יארק. לעצטיגע CDC סטאטיסטיקס דעקן אויף א העכערונג אין די שטערבליכקייט ראטע פון נייגעבוירענע בעיביס — צום ערשטן מאל אין איבער צוואנציג יאר. צו אדרעסירן דעם קריזיס, האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן נייע פאליסיס און א געזעץ צו אויסברייטערן צוטריט צו קעיר פון א הויכע קוואליטעט בעפאר די געבורט פון א קינד, צו רעדוצירן קאסטן פאר מוטערס און פאמיליעס, צו באקעמפן קימפעט דעפרעסיע און שטיצן נייגעבוירענע בעיביס אין די ערשטע חודשים פון זייערע לעבנס.

**פארגרינגערן לאסט און אינפארמאציע פריוואטקייט זארגן פאר אבארשען פראָוויידערס**
גאווערנער האקול וועט פאראָרדענען פאר די העלט דעפארטמענט צו מאדערניזירן די טעכנאלאגיע פאר די עלעקטראנישע באריכטונג פון די אפענדיגונג פון דאס זיין טראגעדיג דורך א דאקטאר כדי צו עלימינירן דאס דארפן אריבערלייגן די אינפארמאציע פון פאפיר צו אן עלעקטראנישע פארמאט און צו גיבן שוץ מאסנאמען פאר עמפינדליכע אבארשען-פארבינדענע אינפארמאציע.

זינט די *Roe v. Wade* אורטייל איז ארומגעדרייט געווארן, האט גאווערנער האקול געזוכט צו זיכער מאכן אז ניו יארק סטעיט איז א זיכערע האפן פאר די וואס שטעלן צו אבארשען אדער פאר די וועלכע ווענדן זיך דערפאר. אלס טייל פון לעצטע יאר'ס בודזשעט, האט גאווערנער האקול אנאנסירט גרויסע שריט צו באשיצן אבארשען צוטריט, אריינרעכנענדיג געהעכערטע מעדיקעיד צוריקצאלונג ראטעס, נאך אינפארמאציע שוץ מאסנאמען פאר פאציענטן וואס ווענדן זיך פאר קינדער-געבורט קעיר, דעקונג פון אבארשען דורך מעדיצין דורך פריוואטע אינשורענס פירמעס ווען אבארשען איז נישט פון די אפיציעלע באנוצן פון די מעדיצין און 100.7 מיליאן דאלאר אין נייע פינאנצירונג צו שטיצן אבארשען פראָוויידערס און קינדער-געבורט העלט קעיר. גאווערנער האקול האט אויך אונטערגעשריבן א געזעץ צו ערלויבן פארמאסיסטן צו גיבן אָווער-די-קאָונטער קאנטרעספעפשען מעדיצינען און צו פארזיכערן אז אלע פובליק קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין די SUNY און CUNY סיסטעמען אפפערן צוטריט צו אבארשען דורך מעדיצין.

**שטיצן ניו יארקע וועטעראנען**
גאווערנער האקול וועט אויסברייטערן די סטעיט'ס אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק'ס וועטעראנען דורכן פארשטערקערן שוץ מאסנאמען און שטיצע פאר ניו יארק'ס וועטעראנען. אירע פארגעשלאגענע שריט רעכענען אריין:

- **אנטוויקלען אן אינפארמאציע קארטל פאר פראָוויידערס וואס באדינען וועטעראנען.** פילע מעדיצינישע פראפעסיאנאלן שטעלן צו קריטישע העלט קעיר פאר וועטעראנען, אבער אפטמאל האבן זיי נישט די נויטיגע טרענירונג אדער באקאנטשאפט מיט די מיליטערישע קולטורישע געביטן וואס קענען זיין קריטיש ביים ארבעטן אפעקטיוו און זיך אפגעבן מיט וועטעראנען. כדי צו העלפן אדרעסירן די נויט, וועט די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס (Department of Veterans’ Services) – בשותפות מיט ניו יארק'ס דעלעגאציע צו די נאצינאלע גאווערנער'ס טשעלענדזש צו פארמיידן זעלבסטמארד צווישן מיליטער מיטגלידער, וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס (Governor’s Challenge to Prevent Suicide Among Service Members, Veterans, and Military Families) – ארויסקומען מיט אן אינפארמאציע קארטל פאר מעדיצינישע פראפעסיאנאלן מיט אלעס וואס זיי דארפן וויסן ביים ארבעטן מיט א וועטעראן פאציענט. די קארטל קען מיטגעטיילט ווערן מיט מעדיצינישע פראפעסיאנאלן ארום די סטעיט צו העלפן פארבעסערן זייערע אפוינטמענטס מיט- און געזונטהייט תוצאות פאר- וועטעראן פאציענטן אין ניו יארק.

- **שטיצן גייסטישע געזונטהייט פון פרויען וועטעראנען.** ניו יארק סטעיט איז אויך א היים צו מער פון 62,000 פרויען וועטעראנען, און די פרויען וועטעראן באפעלקערונג איז די שנעלסטע-וואקסנדע חלק אין די פאראייניגטע שטאטן וועטעראן קאמיוניטי, ערווארטעט צו זיין פאראנטווארטליך פאר 15 פראצענט פון די סך הכל ביז 2035. אבער פרויען וועטעראנען שטייען אויס גאר הויכע ראטעס פון זעלבסטמארד אין פארגלייך צו סיי פרויען וואס זענען נישט וועטעראנען און סיי מענער וואס זענען יא וועטעראנען. צו העלפן אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון ניו יארק'ס פרויען וועטעראנען, וועט די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס ארבעטן צוזאמען מיט שותפות'דיגע אגענטורן און פארמישטע קערפערשאפטן צו מאכן א ספעציאליזירטע סעט פון כלים און א טרענירונג פראגראם וואס זאל זיין קאנצענטרירט אויף דאס צושטעלן גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר פרויען וועטעראנען. די מאטעריאלן וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר וועטעראן בענעפיטן אדוויזארס, וועטעראנען סערוויס אפיצירן און וועטעראן סערוויס ארגאניזאציעס ארום די סטעיט וועלכע שטעלן צו דירעקטע סערוויסעס פאר פרויען וועטעראנען אין ניו יארק.
- **אויפשטעלן סטעיט-ברייטע פרויען וועטעראנען היסטאריע טרעיל.** כדי צו באעהרן די אויסערגעוועגטליכע טראדיציע פון פרויען וועטעראנען אין ניו יארק'ס היסטאריע, וועט די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס (Department of Veterans' Services, DVS) אויפקומען מיט א סטעיט-ברייטע פרויען וועטעראנען היסטאריע טרעיל. צוזאמגעשטעלט דורך די DVS, מיט צוגעלייגטע געדאנקען פון היסטאריקער, פארשער און וועטעראנען סערוויס ארגאניזאציעס פון די קאונטי און סיטי און לאקאלע וועטעראנען סערוויס אגענטורן, וועט די פרויען וועטעראנען היסטאריע טרעיל פארשטעלן לאקאציעס און געשיכטעס וואס הייבן ארויס די ביישטייערונגען פון פרויען אין מיליטערישע דינסט דורכאויס ניו יארק סטעיט'ס היסטאריע.

**<u>אויסברייטערן פינאנצירונג פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און טרענירונג פאר TGNCNB ניו יארקער</u>**

גאווערנער האקול וועט פארשלאגן א צוגעלייגטע 1 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג צו די לארענא בארדזשעס טראנסדזשענדער און נאָן-ביינערי וואוילזיין און גלייכקייט קאסע (Transgender and Non-binary Wellness and Equity Fund, TWEF) צו שטיצן טראנסדזשענדער, דזשענדער נאָן-קאנפארמינג און נאָן-ביינערי (transgender, gender non-conforming, and non-binary, TGNCNB)-געציהלטע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען. דאס קומט אין אפרופונג צו די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט'ס לעצטנס פארעפנטליכטע TGNCNB באשעפטיגונג באריכט, וואס האט אנגעוויזן אויף מערערע שטרויכלונגען וואס שטערן פון טרעפן און אנהאלטן אן ארבעט פאר TGNCNB ניו יארקער, אנגעהויבן פון א מאנגל אין צוטריט צו טרענירונג געלעגנהייטן ביזן אריבערגיין דיסקרימינאציע אין די אויפנאמע פראצעדור און ביי די ארבעטספלאץ.

אין 2022 האבן גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור אונטערגענומען א וויכטיגע טריט צו שטיצן די TGNCNB קאמיוניטי און צו אדרעסירן אומגלייכקייטן אין צוטריט צו וויכטיגע פראגראמען און סערוויסעס מיטן אויפשטעלן די TWEF. די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 האט אריינגערעכנט 3 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן די איניציאטיוו, און אין 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט נאך 1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר זעלבסטמארד פארמיידונג צווישן יונגווארג, אויסברייטערנדיג TWEF, און אזוי אויך נאך 5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר דזשענדער-אנערקענענדע האוזינג פראיעקטן וואס שטיצן עלטערע TGNCNB מענטשן.

**<u>פארשטערקערן צוטריט צו דזשענדער-צוגעפאסטע קעיר פאר TGNCNB ניו יארקער</u>**

צו זיכער מאכן אז TGNCNB קענען צוקומען צו צוגעפאסטע קעיר פון די העכסטע קוואליטעט אין ניו יארק און כדי צו ברענגען די קעיר צו זיין אין איינקלאנג מיט דעם חזון פון TWEF, וועט גאווערנער האקול פאראדענען די העלט דעפארטמענט צו איבערארבעטן ניו יארק סטעיט מעדיקעיד'ס דעקונג פאדערונגען צו זיין אין איינקלאנג מיט די נייעסטע ווערסיע פון די 'סטאנדארטן פון קעיר פאר די געזונטהייט פון טראנסדזשענדער און דזשענדער-פארשידנארטיגע מענטשן' (Standards of Care for the Health of Transgender and Gender Diverse People), אוועקנעמנדיג אומנויטיגע שטערונגען צו צוגעפאסטע קעיר. אין צוגאב וועט די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) זיך דורכרעדן מיט די העלט דעפארטמענט און מיט די פינאנציעלע סערוויסעס דעפארטמענט צו ארויסגעבן נייע אנווייזונגען צו זיכער מאכן אז קאמערציעלע אינשורענס פירמעס ארבעטן איבער די מעדיצינישע נויטיגקייט קריטעריאנען צו אריינבויען די נייעסטע ווערסיע פון די 'סטאנדארטן פון קעיר פאר די געזונטהייט פון טראנסדזשענדער און דזשענדער-פארשידנארטיגע מענטשן' אין זייערע פלענער.

טראנסדזשענדער און דזשענדער-פארשידנארטיגע מענטשן שטייען אפט אויס שוועריגקייטן און שטרויכלונגען צו צוקומען צו נויטיגע און צוגעפאסטע געזונטהייט סערוויסעס, און זיי האבן אפט ערגערע געזונטהייט תוצאות ווי די אלגעמיינע פובליקום. פארזיכערן צוטריט צו דזשענדער צוגעפאסטע קעיר פאר TGNCNB מענטשן פארבעסערט גייסטישע און פיזישע געזונטהייט תוצאות. ניו יארק סטעיט איז שוין פון לאנג א פירערין ביים צושטעלן צוטריט צו אזעלכע קעיר, און אזוי ווי מער סטעיטס ארום דאס לאנד נעמען אונטער שריט צו באגרעניצן צוטריט דערצו, איז דאס וויכטיג אז ניו יארק סטעיט זאל פונדאסניי צוזאגן אונזער איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז TGNCNB מענטשן קענען טרעפן דזשענדער צוגעפאסטע קעיר אין אונזער סטעיט.

**<u>פארשטערקערן LGBTQ+ קולטורישע קאמפעטענץ</u>**

כדי צו אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר וויכטיגע פראָוויידערס צו באקומען LGBTQ+ קולטורישע קאמפעטענץ טרענירונג, וועט די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) צום ערשטן מאל פארעפנטליכן זייער LGBTQ+ קולטורישע קאמפעטענץ טרענירונג צו באקומען פאר לאקאלע סערוויס פראָוויידערס אונטער קאנטראקט אריבער די סטעיט, און די אפיס וועט פארזעצן צו מוטיגן אלע לאקאלע דעפארטמענטס אָוו סאָושעל סערוויסעס איינגעשטעלטע צו פארענדיגן די טרענירונג. זיכער מאכן אז מער ניו יארקער פארשטייען די איבערלעבענישן פון LGBTQ+ מענטשן און פילן באקוועם מיטן זיך באנוצן מיט רעספעקטפולע שפראך אין באציאונג צו די LGBTQ+ קאמיוניטי איז א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פון פארמינערן אינצידענטן וואו זיי פילן אז זיי גייען אריבער דיסקרימינאציע אדער נגיעות, באזונדערס אין פלעצער וואו LGBTQ+ מענטשן ווענדן זיך צו צוקומען צו וויכטיגע סערוויסעס אדער בענעפיטן.

**<u>פארמערן טשיעף דייווערסיטי אפיסערס אריבער סטעיט אגענטורן</u>**

כדי צו פארשטערקערן און פארמערן די קאפאציטעט פאר פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט און אריינגעמונג פון יעדן אריבער די גאנצע ארבעטסקראפט פון ניו יארק סטעיט, און כדי צו זיכער מאכן אז ניו יארק איז א מוסטער פאר אנדערע, וועט גאווערנער האקול פאראדענען עקזעקיוטיוו-קאנטראלירטע אגענטורן מיט מער פון 300 פול-טיים ארבייטער צו אויפנעמען א טשיעף דייווערסיטי אפיסער אדער אן אנדערע ענליכע פאסטן וואס איז פארפליכטעט פול-טיים צו ארבעטן פאר פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט און אריינגעמונג פון יעדן איינעם — אויב די אגענטור האט נאכנישט אזא פאסטן. אין צוגאב, וועט גאווערנער האקול פאראדענען פאר די אפיס פון ארבייטער באציאונגען (Office of Employee Relations), אין צוזאמענארבעט מיט די גאווערנער'ס אפיס פון פארשידנארטיגקייט און אריינגעמונג (Office of Diversity and Inclusion), צו אנטוויקלען א DEI טרענירונג פאר אלע סטעיט ארבייטער, און זי וועט פאראדענען פאר די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס, אין צוזאמענארבעט מיט די גאווערנער'ס אפיס, צו אנטוויקלען און דורכפירן אנטי-ראסיזם טרענירונג.

פארשונג האט געוויזן אז פארשידנארטיגע און אריינגעמיגע ארבעטספלעצער שטעלן אהער בעסערע רעזולטאטן פון די אנדערע, זענען מער ערפאלגרייך מיטן רעקרוטירן און האלטן טאלאנטפולע ארבייטער, זענען מער שעפעריש און מעגליך צו לייזן פראבלעמען און אז ארבייטער זענען מער צופרידן פון די דזשאב און מער איבערגעגעבן צו די ארגאניזאציע. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט האט ניו יארק געמאכט באדייטנדע פארשריט מיטן שטופן פאר פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט און אריינגעמונג פון יעדן. עס איז אבער נאך דא מער ארבעט צו טוהן כדי צו זיכער מאכן אז די סטעיט'ס רעגירונג דזשאבס ארבעטסקראפט שפיגלט אפ די פארשידנארטיגקייט פון ניו יארק'ס באפעלקערונג און אז עס שטופט פאר אריינגעמונג און גלייכקייט פאר יעדן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418